# פון פלאצקער גאון

הגאון רבי ארי' לייב צינץ זי"ע

**אויף אידיש**

געקליבענע געדאנקען אויף די פרשה

פרשת ראה
תשפ"ו
גליון ר"ה
שנה ה'

## מיט'ן תשובה טון דרייט מען איבער די קללה אליין אויף א ברכה

**ראה אנכי נותן לפניכם היום ברכה וקללה.** (יא, כו)

בפשטות איז **"ראה" אנכי "נותן" לפניכם** משמע אז דא רעדט זיך פון א גוטע זאך, כאילו ער זאגט פאר די אידן: **קוקטס וואס פאר א מתנה איך געב ענק!** דארף מען לכאורה פארשטיין, וויאזוי פאסט דאס צו זאגן אויף "וקללה"?

נאר אין מדרש שטייט (ויקרא רבה לה, א), רבי אבא בריה דרבי חייא זאגט בשם רבי יונתן: **חשבתי ברכות חשבתי קללות, ברכות מן א' עד ת' קללות מן ו' עד ה'**, דאס הייסט, אז ער האט געזען אז די **ברכות** (אין פר' בחקותי) גייט פון א' ביז ת', עס הייבט זיך אן מיט אן **א'** - **אם** בחקותי תלכו, און עס ענדיגט זיך מיט א **ת'** - ואולך אתכם קוממיו**ת**, דאקעגן די קללות גייט פון ו' ביז ה', עס הייבט זיך אן מיט א **ו'** - **ו**אם לא תשמעו, און עס ענדיגט זיך מיט א **ה'** - ביד מש**ה**, צו ווייזן אז די קללות זענען זייער בצמצום. און נישט נאר דאס, נאר די קללות גייט אויף צוריקצוואוועגס - פון ו' צו ה', צו מרמז זיין, אז אויב מען וועט זוכה זיין וועט זיך דאס **איבערדרייען** אויף ברכות.

און מען טרעפט טאקע עטליכע פסוקים אין די קללות פון פרשת כי תבוא, וואס אויב מען וועט דאס ליינען צוריקצוואוועגס וועט דאס ווערן ברכות, ווי דער פסוק (כח, לא) "שורך טבוח לעיניך ולא תאכל ממנו, חמורך גזול מלפניך ולא ישוב לך, צאנך נתונות לאויביך ואין לך מושיע", וואס אויף פארקערט לייענט זיך עס "מושיע לך ואין לאויביך נתונות צאנך, לך ישוב ולא מלפניך גזול חמורך, ממנו תאכל ולא לעיניך טבוח שורך".

און עס איז זעלבסט פארשטענדליך, אז כדי אז די קללות זאלן **זיך איבערדרייען** מוז זיין אז מען איז שוין ח"ו **נתחייב געווארן** און די קללות האבן שוין געדארפט קומען ר"ל, און דאך, טאמער וועט מען באמת תשובה טון וועלן זיי נתהפך ווערן אויף ברכות, ווייל אויב די קללות האבן נאכנישט געדארפט קומען, איז דאך נישטא וואס "איבערצודרייען".

דאס זאגט משה רבינו פאר די אידן: **"ראה אנכי נותן לפניכם היום"** - זעטס אז דאס וואס איך געב ענק היינט **"ברכה וקללה"** איז סיי א ברכה און סיי א קללה, ווייל אפילו אויב דאס קוקט אויס אויבנאויף ווי א **קללה**, קענט עטס מיט'ן תשובה טון איבערדרייען די קללה אליין אויף א ברכה.

**'קומץ המנחה' לשבת שובה דרוש נז אות יב-יג**

## ביים אריבערגיין דעם ירדן דארף זיין די כוונה נישט איבערצולאזן קיין גוים אין ארץ ישראל

**ועברתם את הירדן וישבתם בארץ אשר ה' אלקיכם מנחיל אתכם והניח לכם מכל אויביכם מסביב וישבתם בטח.** (יב, י)

אין פרשת מסעי שטייט (לג, נא-נב) אז משה רבינו האט געזאגט פאר די אידן: "כי אתם עוברים את הירדן אל ארץ כנען והורשתם את כל יושבי הארץ מפניכם", זאגט דארט רש"י, אז ער האט זיי געזאגט, אז בשעת ווען זיי גייען אריבער דעם ירדן זאל דאס זיין מיט א כוונה אז זיי גייען פארטרייבן אלע גוים פון ארץ ישראל, ווייל אויב נישט, וועלן קומען די וואסערן און זיי דערטרענקען.

קען מען זאגן, אז די זעלבע האט משה רבינו געזאגט דא פאר די אידן: **"ועברתם את הירדן"** אז גלייך ווען עטס גייטס אריבער גיין דעם ירדן - זאל דאס זיין מיט א כוונה **"וישבתם בארץ אשר ה' אלקיכם מנחיל אתכם והניח לכם מכל איביכם מסביב"** אז ענק ווילן זיך באזעצן אין דעם לאנד וואס דער אויבערשטער געבט **פאר ענק** און ער וויל ענק לאזן מנוחה פון די אלע פעלקער ארום, ווייל נאר אויב איר וועט דאס טאקע אינזין האבן **"וישבתם בטח"** וועט עטס זיצן אין ארץ ישראל פארזיכערט אן קיין שטערונגען פון די גוים, ווייל אויב נישט, שטייט דאך שוין דארט אין פרשת מסעי אז די גוים וואס מען וועט איבערלאזן אין ארץ ישראל וועלן זיין ווי דערנער פאר די אידן.

## א מענטש וועט גלוסטן צו עסן פלייש ווייל דאס איז גרינגער פאר'ן מענטש מעלה צו זיין

**כי ירחיב ה' אלקיך את גבולך... ואמרת אוכלה בשר כי תאוה נפשך לאכול בשר בכל אות נפשך תאכל בשר. כי ירחק ממך המקום אשר יבחר ה' אלקיך... וזבחת מבקרך ומצאנך... כאשר צויתיך ואכלת בשעריך בכל אות נפשך. אך כאשר יאכל את הצבי ואת האיל כן תאכלנו.**

(יב, כ-כב)

מען קען אריינטייטשן אין די לשון הפסוק לויט וואס די גמרא זאגט (שבת קמ:) אז רב חסדא האט געזאגט, איך האב נישט געגעסן קיין גרינצייג נישט אלס ארעמאן און נישט אלס עושר, אלס ארעמאן האב איך נישט געגעסן גרינצייג ווייל דאס פארמערט די אפעטיט און איך האב נישט געהאט גענוג וואס צו עסן, און אלס עושר האב איך נישט געגעסן קיין גרינצייג ווייל איך האב געזאגט: אויף די פלאץ פון די גרינצייג זאל בעסער אריינגיין פיש און פלייש.

איז דער אר"י הק' מסביר א טיפע כוונה אין דעם מאמר חז"ל (עי' שער המצוות פ' עקב), אז ווי באקאנט דארף דאך דער מענטש מעלה זיין אלע דרגות הבריאה - דומם צומח חי - צום אויבערשטן, און ווי נענטער די זאך איז צו דעם

זכות פרנס החודש נתנדב ע"י הרבני הנכבד
הר"ר דוד לייבוש גטמאן הי"ו

# די הייליגע צוואה

**ומי שישתדל בהדפסתן יהי' לו המחבר למליץ אם יהי' לו זכות**




**איר קענט שיקן קוויטלעך צום ציון הק' להפקד בדבר ישועה ורחמים**

פאראינטערעסירטע ביטע פארבינדט אייך צום מערכת

**הגליון נתנדב ע"י**

הרבני הנכבד

הר"ר **אלכסנדר נחמן** הלוי **דאסקלאוויטש** הי"ו

לע"נ אמו

מרת **ניסל פעסיל** ב"ר **פתחי' צבי** ע"ה

יארצייט י"ז אב

בזכות הפצת תורת רבינו זי"ע

ימלא ה' כל משאלות לבו לטובה

מענטש איז אים גרינגער דאס מעלה צו זיין.

האט רב חסדא געזאגט, אז אלס **ארעמאן** - דאס מיינט ווען ער האט נאכנישט געוואוסט די כוונות האכילה, האט ער נישט געוואלט עסן **גרינצייג** ווייל דאס איז גאר א שווערע עבודה מעלה צו זיין די מאכל מיט **צווי דרגות** פון **צומח ביז מדבר**. און אפילו אלס **עושר** - דאס מיינט זייענדיג אן עשיר בדעת שוין קענענדיג די כוונות האכילה, האט ער ווייטער נישט געוואלט עסן **גרינצייג**, ווייל אנשטאטס זיך צו פלאגן מעלה צו זיין דעם **צומח** צווי דרגות, איז אים געווען ענדערש צו עסן פיש און פלייש, ווייל די דרגה פון **חי** דארף ער דאך נאר מעלה זיין מיט איין דרגה.

לויט דעם קען מען זאגן, אז דאס קומט דער פסוק דא זאגן: "**כי ירחיב ה' את גבולך**", דאס מיינט אז דער רבש"ע וועט דיר מרחיב זיין און דו וועסט זיין **אן עושר אין השגות** און דו וועסט שוין וויסן די כוונות האכילה, "ואמרת אוכלה בשר" און דעמאלטס וועסט וועלן עסן דוקא פלייש "כי תאוה נפשך לאכול בשר" ווייל **דיין נפש** וואס איז אין די דרגה פון **מדבר** וועט גלוסטן צו עסן **פלייש** וואס איז אין די דרגה פון **חי** וויבאלד אז דאס איז נענטער צו דיר און עס איז גרינגער דאס מעלה צו זיין, איז כאטש אז דו קענסט אויך עסן גרינצייג זאגט די תורה "**בכל אות נפשך תאכל בשר**" בעסער טאקע זאלסטו עסן פלייש וואס דיין נפש גלוסט, ווי רב חסדא זאגט, אז אנשטאטס גרינצייג זאל ענדערש אריינגיין פלייש ווייל אזוי וועט מען מער אויפטון.

זאגט ווייטער דער פסוק, אז הגם אז די מסוגל'דיגסטע פלאץ מעלה צו זיין דעם **חי** איז אין ביהמ"ק וואו מען האט געברענגט די בהמה פאר א קרבן אויפן מזבח, דאך קען מען אויך מעלה זיין די פלייש אינדרויסן פון ביהמ"ק מיט'ן שחט'ן און עסן די בהמה מיט אלע אירע הלכות, כאטש וואס די בהמה באקומט דעמאלטס נישט אזא קדושה ווי א קרבן ממש.

דאס זאגט דא די פסוק: "**כי ירחק ממך המקום**" אויב דו וועסט וואוינען ווייט פונעם ביהמ"ק און וועסט נישט קענען ברענגען די בהמה פאר א קרבן, קענסטו נאכאלץ מעלה זיין דעם חי דורכדעם אז "**וזבחת מבקרך ומצאנך... כאשר צויתיך**" וואס רש"י זאגט אז פון דא לערנט מען ארויס די הלכות שחיטה, און אזוי "**ואכלת בשעריך**" וועסטו קענען עסן און מעלה זיין די פלייש אפילו אין דיינע ווייטע שטעט "**בכל אות נפשך**" אזוויי דיין נפש גלוסט מעלה צו זיין, אבער ווי פארשטייט זיך אז דאס האט נישט אזא קדושה ווי א קרבן, "**אך כאשר יאכל את הצבי ואת האיל כן תאכלנו**" נאר מיט'ן עסן ביזוט עס מעלה אזוויי מען עסט **סתם פלייש** נישט ווי ווען דו וואלסט געגעסן **בשר קדשים ממש**.

און מיט דעם קען טייטשן דאס וואס עס שטייט שפעטער (יב כו), "**רק קדשיך אשר יהיו לך ונדריך תשא ובאת אל המקום אשר יבחר ה'**", אז דער פסוק קומט זאגן, אז דווקא די בהמות וואס מען וועט מקדיש זיין פאר א קרבן, זיי טאר מען נישט מקריב זיין אינדרויסן פון בית המקדש, ווייל צוליב זייער גרויסע קדושה, קענען זיך די כוחות הטומאה אנכאפן אין זיי טאמער מען וועט זיי נישט שחט'ן אין א מקום קדוש, אבער אלע בהמות פון חולין, קען מען יא שחט'ן סיי ווי מען וויל נאר.

## די בלוט קען מען מעלה זיין נאר דורך די קדושת קרבן צוזאמען מיט די קדושת מזבח

**רק חזק לבלתי אכול הדם כי הדם הוא הנפש ולא תאכל הנפש עם הבשר... רק קדשיך אשר יהיו לך ונדריך תשא ובאת אל המקום אשר יבחר ה'. ועשית עולותיך הבשר והדם על מזבח ה' אלקיך...** (יב, כג-כז)

מען קען טייטשן די פסוקים לויט ווי מיר האבן געזאגט (במאמר הקודם) אז א מענטש וויל ענדערש מעלה זיין דעם **חי** וואס איז נענטער צו די דרגה פון **מדבר**, דערפאר קומט דער פסוק דא אנזאגן, אז דו זאלסט נישט מיינען אז וויבאלד די עיקר חיות ליגט דאך אין די בלוט **איז די בלוט** נאך נענטער צום מענטש, און אויב אזוי איז דאס גרינגער מעלה צו זיין, אויב אזוי וועסטו ענדערש וועלן עסן די בלוט, דערפאר זאגט דער פסוק - ניין: "**רק חזק לבלתי אכול הדם**", זאלסט דיך שטארק אכטונג געבן נישט צו עסן די בלוט, "**כי הדם הוא הנפש**" ווייל די בלוט איז גאר איידל - דאס איז דער נפש ממש, "**ולא תאכל הנפש עם הבשר**" און א מענטש קען נישט מעלה זיין די ניצוצות פון די בלוט דורכן עס עסן אזוויי ער איז מעלה די פלייש.

זאגט דער פסוק ווייטער: **רק קדשיך תשא ובאת אל המקום אשר יבחר ה' ועשית עולותיך "הבשר והדם"** אז ביי די קדשים וואס מען איז מקריב אויפן מזבח, ביי זיי קען מען יא מעלה זיין **די פלייש און די בלוט**, ווייל די **קדושה** פון **דעם קרבן** צוזאמען מיט'ן **קדושת מזבח**, האבן אינאיינעם א געוואלדיגע כח, אז צוזאמען קענען זיי מעלה זיין אפילו די ניצוצות פון **די בלוט** כאטש וואס געווענדליך קען מען עס נישט מעלה זיין מיט'ן עסן.


מנדב צו זיין א גליון לשבוע זוכה צו זיין להבטחת הצדיק, אדער אנטייל צו נעמען אין די הוצאות, ביטע זיך ווענדן צו.
gilyonplotzk@gmail.com | plotzk.org | (929) 260-4868